# דער בּריוו צו די פּיליפּער

1 פּוילוס און טימאָטעוס, קנעכט פונם משיח ישוע,
צו אַלע הייליקע אינם משיח ישוע, וועלכע
געפינען זיך אין פיליפּיען, מיט די משגיחים און
2 שמשים: חסד צו אייך און שלום פון ג~ט אונזער
פּאָטער, און פון דעם האַר ישוע המשיח׃
3 איך דאַנק מיין ג~ט אַזוי אָפט ווי איך דערמאָן
4 מיך אין אייך, אַלעמאָל אין אַלע מיינע תפילות
פאַר אייך אַלעמען—תפילה־טוענדיק מיט פריייד—,
5 צוליב אייער חברותאשאַפט אין דער בּשורה טובה
6 פון דעם ערשטן טאָג אָן בּיז איצט; זייענדיק בּטוח
אין דער דאָזיקער זאַך, אַז ער (ג~ט), וואָס האָט
אָנגעהויבּן אַ גוטע אַרבּעט אין אייך, וועט זי פאַרפאָל־
7 קאָמענען בּיז צום טאָג פונם משיח ישוע; ווי עס
איז רעכט פאַר מיר דאָס דאָזיקע צו דענקען וועגן
אייך אַלע, ווייל איר האָט מיך אין אייער האַרץ,
און אַלע זענט איר אָנטיילנעמער מיט מיר אין
דעם חסד און אין מיינע קייטן, אין דער פאַרטיידי־
קונג און אין דער בּאַפעסטיקונג פון דער בּשורה
8 טובה׃ וואָרום ג~ט איז מיין עדות, ווי איך בּענק
נאָך אייך אַלעמען אין דער בּאַרמהאַרציקייט פונם
9 משיח ישוע׃ און בּין מתפּלל אויף דעם דאָזיקן,
אַז אייער ליבּע זאָל זיך אַלץ שטאַרקן מער און מער
10 אין דערקענטעניש און יעדער פאַרשטאַנדיקייט, כדי
אונטערשיידן די פאַרשיידענע זאַכן, כדי איר זאָלט
זיין לויטער און וואָס דערפירן נישט צום שטרויכ־
11 לען בּיז צום טאָג פונם משיח, אָנגעפילט מיט
דער פרוכט פון צדקות, וועלכע איז דורך ישוע
המשיחן, צו ג~טס כּבוד און לויבּ׃